בס"ד

# ספר

# דברי יואל

## על כשרות המאכלים
## וזהירות ממאכלות אסורות

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
**„מבון להוראה בשחיטות ובדיקות"**

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלבוש יחוד); **וש"ס.**

כ"ו אב תשד"ם...ברוקלין ניו יארק

# תוכן־ומפתח

עמוד
א. כשרות פון אידישע שטוב ............... ג
ב. די מעלות פון ספר ..................... ד
ג. פארוואורט ............................ ה
ד. אין אלע דורות דער וואס וויל אפטאן די שטרוכלונגען פון פלייש וויל מען הארגענען ........... ז
ה. אנווייזונגען ווי אזוי זיך צו פירען ........... ח
ו. דער מצב פון קצבים (בוטשער׳ס) אין אמעריקע ט
ז. דאס געפאלענקייט פון היינטיגען דור ........... י
ח. געלט פאפירט די ערליכער ............... יא
ט. היינטיגע צייט אפילו מיט א גוטע השגחה איז צרות ..................... יב
י. אט האט איר בקיצור דער סיסטעם פון היינטיגע בהמה פארקויף ..................... יג
יא. בוטשער׳ס תלמידי חכמים און יראי ד׳ זענען נישט באגלייבט אויף פלייש ..................... יד
יב. הכשרים ..................... טו
יג. א מדקדק במצות עסט נישט זאכן וואס דארף א הכשר ..................... טז
יד. זינט דעם חורבן אוישוויץ האבן די רבנים קיין כח נישט־אלעס פירן אהן די בעלי בתים טז
טו. פראגעס און ענטפערס ..................... יח

# כשרות פון אידישן שטוב

דער דאָזיגער ספר ענטהאַלט די אריגינעלע מיינונג פון כ"ק מרן הקוה"ט רשכבה"ג מסאטמאר זצוק"ל וזכי"ע וועגן כשרות און השגחה כידוע פלעגט זיך כ"ק רבינו זכי"ע מצער זיין כל ימיו צוליב די פאַרשידענע מאמרים וועלכע ווערן נאָכגעזאָגט אין זיין נאָמען און זענען געווענליך פאַלש (שקר).

דערפאַר האָבן מיר זיך אָנגעשטערנגט לעילוי נשמת רבינו הקוה"ט זכי"ע אַראָפּצושרייבן מיט גרויס פונקטליכקייט זיין מיינונג וועגן כשרות וואָס האט געפלאסען גראָד פון ריינעם האַרץ צום פעדער פון רבינו הקוה"ט זכי"ע, און פון דאָרט צום דרוק אין סה"ק שו"ת דברי יואל.

כידוע איז כ"ק רבינו הקוה"ט זצוק"ל געווען דער יחיד בדורו פון די מנהיגים צדיקים וגאונים אמיתיים וועלכער האט איבערגעלבעט מיט נסי נסים וכחות שמים מרובים דעם דייטשן גיהנם און מיט קלאָרקייט אַנאַליזירט דעם אונטערשייד פון היינטיגן אידישקייט מיטן אַמאָליגן וועלכע ער האָט אַליינס זוכה געווען מיט־צו־לעבן און צו זעהן מיט זיינע הייליגן אויגן.

אין דאָזיגן קונטרס ווערט איבערגעטייטשט די אָריגינעלע מיינונג פון רבינו זכי"ע וואָס ער שרייבט אין זיין ספר וואָרט ביי וואָרט נאָכגעשריבן פון וואָס ער שרייבט אין לשון הקודש (אַדרבה קוקט נאָך וועט איר זעהן) אין שו"ת דברי יואל.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אַלע שמועות וואָס ווערן נאָכגעזאָגט פון זיין נאָמען אַפילו פון די גאָר פאַרלעסליכסטע

קוועלע האָבן קיין ווערט*) נישט און צוגלייך צו דעם וואָס ער אַליין האָט מיט זיינע הייליגע הענט געשריבן דיקטירט פון זיין הייליג מח און האַרץ.

## די מעלות פון ספר

א) די מיינונג פון מרן כ"ק רשכבה"ג דער מנהיג הדור אין געביט פון כשרות און השגחה.

ב) זיין מיינונג וועגן די כח פון רבנים היינטיגע צייט.

ג) הדרכה פאַר יעדע טאַטע און מאַמע וויאַזוי זיך צו פירען. מיט כשרות און שטיב. לויטען צדיק הדור.

ד) אומגעפעלשטע מיינונג וועגן די היינטיגע פראבלעמען פון אַלע סאָרט כשרות מיט מכשירים משגיחים א.א.וו. וועלכעס ווערט אַרויסגעברענגט פון אַ איש קדוש וטהור, גאון בתורה וביראת שמים, איש אמת אויסערגעוועגליכער פיקוח און חכם, וואָס איז מגודל געוואָרן בין ברכי קדושים וטהורים.

ה) געשריבן אין אידיש גרינג צו מאַכן פאַר יעדן אידיש קינד צו ליינען און וויסן וויאַזוי צו היטן אויף די אידישע נשמה.

ו) די איינציגע מיינוג אין דעם געביט געשריבן געוואָרן אָהן פחד פאַר קיינעם בלויז דעם אמת למען האמת מיט מסירות נפש נישט צו פרעגן נאָך קיינעם.

---

*) בספר הק' על הגאולה עמוד כ"ה ד"ה והנה וזל"ק: ובדרך כלל אשיתה עיני על הדברים אם הן המה הדברים ששמעו מפי, כי בחוצות וברחובות נאמרים משמי דברים הרבה שלא היו ולא נבראו ולא עלה על לבבי מעולם, וכו' עיי"ש.

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש"י משפטים)



# פאָרוואָרט

דער זוה״ק (ח״ג מב.) און אַלע הייליגע ספרים שרייבן, אַז אַלע צרות בכלל ובפרט קומען פון מאכלות אסורות (נישט כשר׳ע עסנעוואַרג), ווי עס איז יעדן באַקאַנט איז דער מצב אין די וועלט אַ שטאַרק אָנגעצויגענע ד׳ ירחם, מען דאַרף גרויס רחמי שמים יעצט אין צייט וואָס מיר פייערן דעם יום השחרור פון רבינו הקוה״ט זכי״ע וואָס האָט אויפגעשטעלט בגודל קדושתו דעם דור איז די ריכטיגע צייט זיך מתבונן צו זיין אויב מיר פירען זיך אין זיינע וועגן אָנצוהאַלטן דעם קיום פון נייען דור וועלכע איז אָפהענגיק אין די אפגעהיטענקייט פון מאכלות אסורות.

דערפאַר לזכות הרבים טוען מיר ציטירען אויף אידיש פון זיינע הייליגע ספרים די וועגן וואָס רבינו הקוה״ט זכי״ע האָט אונז געלערנט און נאָר אויב מיר פירען זיך אין זיינע דרכים קענען מיר האָפן צו זעהן ערליכע אידישע דורות, און ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר אונז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן אינגיכן מיט די גאולה שלימה, און ביז אהין פטור זיין פון אַלע צרות און אָנשיקעניש.

עס איז אויך אונזער פליכט זיך צו פארטיעפן אין די הייליגע שורות פון רבינו הקדוש והטהור, וואָס האָט געשריבן מיט זיינע הייליגע הענט אָנצו־ווייזן דעם ריכטיגען וועג וויאַזוי זיך צו פירן אין כשרות פון שטיב.

דער רבי זכי״ע איז פון הימעל אַראָפגעשיקט געוואָרן צו זיין א לייכט טורעם פאַר אידישע דורות און די לעצטע טעג פון אידישן גלות, זיך צו קענען דערהאַלטן קעגן די פינסטערע נסיונות וועלכע קומען פון די סט״א. עס איז יעדן אויך באַוואסט וואס דער זוה״ק שרייבט אַז נאָנט צו ביאת המשיח זענען די נסיונות די שווערסטע פונם גלות ווייל דער שטן ווייסט אַז לאַנג וועט ער שוין נישט אָנהאַלטן, דערפאַר שיסט ער מיט די לעצטע כחות און נישט סתם פיילען נאָר באָמבעס ממש. דערפאַר זאָל

קיינעם נישט זיין קיין ווינדער די שטעלונג פון רבי׳ן זכי״ע און זיין מיינונג וועגן דאָס כשרות און פאַרלעסליכקייט פון היינטיגן דור אַז עס האַלט אין אַזאַ נידריגן שפלות׳דיגן מצב דאָס איז אַלעס צוליב דעם וואָס מיר זענען בעזה״י דורו של משיח.

כידוע אַז דעם רבי׳נס שיטה וועגן ציונות פאַר וועלכן ער האָט זיך מוסר נפש געווען ממש האָט נישט יעדער זוכה געווען צו באַגרייפן באַלד, טייל האָבן געהאַלטן אַז ער איז צו עקסטרעם א.ד.ג. (די זעלבע שפראַך וואָס ווערט גענוצט היינט קעגן רבנים וואָס זענען מקנא קנאת ד׳) אָבער מיט ׳די צייט האָט יעדער וואָס וויל נישט פאַרבייגען דעם אמת געמוזט מודה זיין אַז שכינה מדברת מתוך גרונו, און וד׳ עמו שהלכה כמותו.

עס איז אָבער דאָך ענטשטאנען אן אונטערשייד צווישן די וועלכע האָבן באַלד געגלייבט, און די וואָס נישט, וועלכע צוליב זייער נישט גלייבן זענען זיי אָדער זייער קינדער ליידער פאַרשוועמט געוואָרן מיט דיעות כוזבות ... אָבער די מאמינים בדברי אלקים חיים איז ביי זיי געזאָגט געוואָרן ואתם הדבקים בד׳ אלקיכם חיים כולכם היום.

דאָס זעלבע אויך מיט כשרות די וועלכע גלייבן באמונה אַז שכינה מדברת מתוך גרונו און כל דבריו דברי אלקים חיים וועלן זוכה זיין צו די אַלע זאַכן וואָס מען איז זוכה דורך עסן כשר׳ס צו ערליכע אידישע געזונטע דורות ת״ח יראי השם דורי דורות, און אפגעהיטן זיין פון אַלע צרות וואָס קומען רח״ל דורך מאכלות אסורות.

מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן אַז אַ תלמיד פון רבי׳ן זכי״ע אויף דער וועלט און יענע וועלט ווערט נאָר אָנגערופן דער וואָס פירט זיך אין זיינע דרכים און אָנווייזונגען אַזוי־ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים (עיין במפרשים אבות, במשנה הוה מתלמידיו של אהרן הכהן, אבות פ״א מי״ב).

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש"י משפטים)

# ספר
# דברי יואל
## על כשרות המאכלים
## וזהירות ממאכלות אסורות

**דער איבערזעצונג אויף אידיש איז ווארט ביי ווארט פון לשון קודש**

## אין אלע דורות דער וואס וויל אפטוהן די שטרויכלונגען פון פלייש וויל מען הארגענען

א) די דרשה (וועגן פלייש) האָט דער זיידע (ייטב לב זצוק"ל) געזאָגט ווען ער האָט אויפגעשטעלט דעם שלאַכט-הויז אין סיגעט, ער האָט זיך ממש מוסר נפש געווען ווייל די קצבים האָבן געוואָרפן אויף אים ביינאַכט אין שטוב דורכן פענסטער אַ גרויסע שטיין אים צו האַרגענען און כמעט בדרך נס איז ער געראַטוועט געוואָרן. אויסער דעם האָט ער געהאַט אין שטאָט קעגנערס (מתנגדים) ווייל עס איז געווען דאָרט אַסאַך קלים א.ד.ג. אָבער ער האָט נישט גערוהט ביז ער האָט אַריינגעשטעלט אַ משגיח אַזוי-ווי עס דאַרף צו זיין.

(שו"ת דברי יואל יור"ד ל"ד ד').

## מוסר השכל

1) אַ איד וואָס טוט צו פאַרעכטן דעם מצב פון פלייש טוט מען באַרעדן און מען וויל אים ממש האַרגענען מעג ער זיין אַפילו אַ

הייליגער איד אַ גאון בתורה ובצדקות ויר"ש און בעל מופת אַזוי־ווי דער ייטב לב האָט מען דאָך נישט מורא פאַר זיין הקפדה ווייל דער שטן שטעלט אַלע מורא'ס אין די זייט און פאַרבלענדט די אויגן.

2) אַ סימן פון אַן ערליכער אידן אַפילו אויב מען וואַרפט אים נאָך שטיינער מיט קללות האַלט ער זיך ביי זיינעם און לאָזט נישט נאָך.

3) די וועלבע שטייען אין די זייט מיט די שרייערס און שעלטער'ס זענען די "קלי הדעת".

## אנווייזונגען וויאזוי זיך צו פירען

ב) דער הייליגער זיידע שרייבט אין ספר ייטב פנים (דרשות לשבה"ג אות י"ב) אַז מען דאַרף מאַכן אַן עקסטער שלאַכט־הויז פאַר כשר'ס מיט אַ פאַרלעסליכען מענטש וואָס שטייט דאָרט און גיט אַכטונג מיט אָפענע אויגן אַז אַלעס זאָל זיין געהעריג אויך דער ניקור (טרייבערן פון חלב) א.ד.ג. און זאָלסט נישט פרעגן פאַרוואָס דאַרף מען דאָס טאָן אַזאַך וואָס מען האָט אַמאָליגע צייטן נישט געטאָן כאָטש זיי זענען געווען ערליכערע אידן פון היינט, ווייל דאָרט ליגט דער תירוץ, אַמאָליגע צייטן זענען אַלע געווען ערליכע אָפגעהיטענע און ג־ט'ס פאָרכטיגע אַז מען האָט נישט געדאַרפט מורא האָבן אַז עפעס זאָל פאַסירן אַפילו אומווילענדיג (בשוגג) היינט איז אָבער נישט אַזוי די מענטשן זעהן אַנדערש אויס. און די פלייש געשעפט איז איבערגעגעבן פאַר ווער עס וויל, דערפאַר דאַרפן מיר זיך דערווייטערן און נישט עסן אַפילו אַזאַ פלייש וואָס אונזערע זיידעס האָבן יאָ געגעסן נאָר אויב מען מאַכט פאַרשידענע גדרים מיט סייגים צו זיין געזיכערט אַז דאָס פלייש איז כשר אָנע שום ספק.

(שו"ת דברי יואל יור"ד סי' ל"ד אות ד')

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש"י משפטים)



## מוסר השכל

דעם דבי׳נס ווערטער און נאָמען פון זיין זיידען זענען זיסער פון האָניג מיר לערנען זיך דערפון:

1) עס מיז זיין אַ ערליכער משגיח וואָס איז שטענדיג אין געשעפט און קוקט זיך אים אויף אַלעם אויך ניקור חֵלֶב.

2) אַפילו די כשרות וואָס אַמאָל האָבן זיך פאַרלאָזט דערויף אונזערע זיידעס זאָל מען היינט נישט ניצען.

3) היינט זאָל מען נישט עסען פלייש ביז מען איז געזיכערט אויף הונדערט פארצענט אַז אַלעס איז כשר.

4) ווי מער די דורות ריקן זיך דאַרף מען מער גדרים וסייגים מאַכן.

5) מען טאָר נישט עסען קיין פלייש ביז מען איז פאַרזיכערט אַז עס איז כשר, ווען גדולי ישראל שרייען חֵלב אָדער טריפה קען מען דאָס נישט אָנריפען זיכער כשר.

## דער מצב פון קצבים (בוטשער׳ס) אין אמעריקע

ג) עס איז פאַרהאַנען פלעצער אין אמעריקע וואָס דער בית דין האָט נישט דעם ריכטיגען כח, די קהלה פירט זיך נישט אַזוי ווי מען דאַרף און דער מורא פון די בוטשער׳ס און פלייש אָנפירערס (מענעזשער׳ס) ליגט אויפן שוחט מער ווי די מורא פון בית דין און אוודאי מער פון השם יתברך. עס איז אויך פאַרהאַנען פלעצער וואָס די שוחטים זענען גישט ווי עס דאַרף זיין און זיי דאַרפן אַ קאָנטראָל (השגחה) פון בית דין.

(שו״ת דברי יואל יור״ד סי׳ ל״ד אות ב׳ בסופו).

## מוסר השכל

פון רבי'נס ווערטער זעהן מיר אַז אין אמעריקע אַפילו ביי חרדישע רבנים פאַסירט, אַז זיי האָבן נישט דעם כח צו וואַרפן אַ מורא אויף די שוחטים וואָס דאָס איז זייער וויכטיגע צו הונדערט פראָצענטיגע כשרות, ווי דער היילגיער חתם סופר שרייבט (יור"ד סי' י"ז).

ד) דער טורי זהב זאָגט אַז לויט די פאַרדאָרבליכקייט פון דור זאָל מען נישט גלייבן פאַר סתם מענטשן דער מהר"ם שי"ק שרייבט אַז היינט וואָס די תורה מיט יראת שמים איז אָפגעשוואַכט און דאָס לייכטזיניגקייט שפּראָצט ווי די גראָז פון פעלד איז אַ סתם איד כמעט נישט באַגלייבט און לויט מיין מיינונג איז דאָס די מיינונג פון די חז"ל אין די גמרא און פוסקים.. בעונינו הרבים די וואָס זענען נחשד אויף כשרות זענען דאָס מערהייט פון מענטשן, די מכשלות און קלות איז פיהל היינטיגע צייט און תורה מיט יראת שמים איז אויפן נידעריגסטן שטאָפּעל. (שו"ת דברי יואל ל"ד).

## מוסר השכל

1) סתם מענטשן זענען נישט באַגלייבט אויף כשרות.

2) רוב מענטשן זענען נישט פאַרלעסליך אויף כשרות.

3) די שטרויכלונגען ביי כשר'ע עסענוואַרג זענען פיהל.

4) תורה און יראת שמים איז ביים נידריגסטען שטאַפּעל.

## דאָס געפאַלענקייט פון היינטיגען דור

ה) היינטיגע צייטען אַפילו אין די געציילטע פלעצער ווי עס זענען נאָך פאַרהאַנען אַסאַך וואָס האָרווען אין תורה מיט יראה,

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש"י משפטים) 

פונדעסטוועגן די וואס ווערן געכאַפּט מיט קלות און מכשולות און נאָך פּראָבלעמען זענען דאָס מערהייט רחמנא ליצלן און פון זיי איז דאָ זייער אסאַך. (שו"ת דברי יואל יור"ד ל"ד אות ו')

## מוסר השכל

1) רוב פון די חרדישע אידן וואס האָרעווען אויף תורה מיט יראת שמים, ווערן געכאַפּט ביי קלות און מכשולות, דאָס איז דאָס היינטיגע דור.

2) בלויז געציילטע אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן אין כשרות.

3) איז טאַקע דער בוטשער פון די געקליבענע ערליכע אידן?

## געלט פארפירט די ערליכער

1) אָט זעהסטו אַז אַפילו אין צייטן פון בית המקדש און אין די צייטן פון גמרא וואָס מען איז געווען פאַרלעסליך אויף תורה (צו פסק'נען כהלכה) פונדעסטוועגן ביי ביזנעס איז מען נישט געווען באַגלייבט וואס זאָל מען שוין זאָגן היינטיגע צייט וואָס ביי תורה האָט זיך שוין כאָטש מען איז ליידיג פון תורה און יראת שמים איז אַוודאי אז אין געלט זאַכן איז מען נישט באַגלייבט. (שו"ת דברי יואל יו"ר סי' ל"ד אות ו' בסופו)

## מוסר השכל

1) ווען עס האַנדעלט זיך אין געלט פאַרדינסט איז קיינער נישט באַגלייבט פון אַ בוטשער ביז אַ רַב־רבי.

2) היינטיגע צייט איז שווער צו טרעפען פאַרלעסליכקייט אין תורה וואָס מיינט פסק'נען שאלות אין דין תורה'ס.

3) דאָס יראת שמים פון די וואָס ריפען זיך תלמידי חכמים איז שוואך.

## הייניטיגע צייט אפילו מיט א גוטע השגחה איז צרות

ז) מען זעהט בחוש אין אונזער מדינה (אַמעריקע) ווי עס איז דאָ ברוך השם משגיחים וועלכע געבן אַכטונג אויפן פלייש פון די שחיטה ביז נאָך פאַרקויפן פונדעסטוועגן טוען די קצבים (הויל-סעלערס — בוטשערס) אַלע מיטלען, — אַסאַך מאָל איז מען געוואָר געוואָרן וואָס די קצבים האָבן געוואָלט באַהאַלטענערהייט אַריינרוקן פליישן אויף אַ וועג דער משגיח זאָל נישט וויסן דערפון אָהנע קוקן אויף דעם וואָס מענטשן ווערן געשטרויכעלט — אַלעס צוליב פאַרדינען אַ פּאָר דאַלער.

(שו״ת דברי יואל יור״ד ל״ד סוף אות ו׳)

## מוסר השכל

1) הייניטיגע קצבים זענען גרייט מכשיל זיין אידען צו פאַרדינען געלט.

2) אַפילו ווי עס איז דאָ אַ משגיח פון אָנהייב ביזן סוף ממש טרעפט זיך דער קצב וועגן צו שווינדלען און קיינער איז נישט פאָרזיכערט וואָס ער עסט.

3) אַפילו צוליב אַ קליינע פאַרדינסט וועט דער קצב מכשיל זיין מיט טריפה פלייש.

4) די קצבים שטרענגען זיך אָן מיט אַלע מיטלען אַריינצוריקן טריפה פלייש.

א) דאָס אויבענדערמאַנטע איז אַפילו דאָרט ווי עס איז דאָ אַ קאמפלעטע השגחה פון אָנהייב שעכטן ביז פאַרקויפן וואָס זאָל

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי
ואם לאו אינכם שלי (רש״י משפטים) 

מען שוין זאָגן היינטיגע צייטן ווי עס איז בכלל נישטאָ קיין השגחה פון אָנהייב ביז סוף.

## אט האט איר בקיצור דער סיסטעם פון היינטיגע בהמה פארקויף

1) עס ווערט געשאָכטן אין שלאַכט הויז און דאָרטן איז מען בודק די ריאה (לינגען) מיטן בית הכוסות אָהנע משגיח, דער וואָס בלאָמבירט די כשר׳ע טיילן איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט אין קען נישט זיין אַ ריכטיגער משגיח, ווייל בערך יעדע מינוט האָט ער אַ פרישע בהמה מיט מערערע טיילען אָפּצובלאמבירן עס איז אויך נישט מעגליך פאַר איין מענטש צו זעהן דאָס שעכטן, בודק זיין און איבריגע אַרבעט ווייל אַלעס ווערט געטאָן די זעלבע צייט.

דאָס מיינט, די חלפים (שוחט מעסערס), שחיטה, בדיקה, געמישעכטץ פון כשר און טריפה טיילען האָט נישט קיין השגחה.

2) דער פלאַץ ווי דאָס פאַרטיגע פלייש ליגט איבערנאַכט האָט נישט קיין השגחה. דערפאַר האָט מען זיך שוין איבערצייגט אַז דער הויל סעלער וואָס האָט געדאַרפט מער פלייש האָט אָפּגעזיגעלט און בלאָמבירט טריפה פלייש אויף כשר (עס איז מרומז אין רבי׳נס ווערטער).

3) פון אַוועקפאקן דאָס פלייש אין פריזער פון שלאַכט הויז ביז עס קומט אָהן אין געשעפט ווערט אַלעס געטאָן אָהנע השגחה און דורך קלים וריקים (געווענליך אַזאַלכע וואָס זענען נישט שומרי תורה ומצות) אדרבה שטעלט זיך אַמאָל אָפּ נעבן געשעפט ווי מען ברענגט דאָס פלייש וועט איר זיך איבערצייגן.

4) אין געשעפט איז נישטאָ קיין השגחה נישט ביים ניקור פון חלב און נישט ביים אויסזאַלצן.

5) אויב איינער שרייט אַז ער האָט אַ משגיח אין געשעפט אַפילו אויב עס איז אמת באַקומט ער זיין געהאַלט פון קצב און דאָס איז גאָרנישט ווערט.

(עיי׳ שו״ת דברי יואל סי׳ ל״ד אות ב׳ ד״ה ובהיתר)

## בוטשער׳ס תלמידי חכמים און יראי ד׳ זענען נישט באגלייבט אויף פלייש

ח) טייל מאָל זעהט מען אַפילו ביי די בוטשער׳ס וואָס פירן זיך לויט די וועגן פון די תורה און מיט ערליכקייט אין אַלע הינזיכטען אויפן בעסטן שטייגער אָבער ווען עס קומט צום פלייש פאַרקויפן וואָס דאָס איז זיין פרנסה איז ער נחשד אַז ער פירט זיך נישט ווי מען דאַרף כ״ש ביי די וואָס זענען קלים אויך מיט אַנדערע זאַכן. נאָר וואָס דען אויב עס איז דאָ געהעריגע משגיחים כאַפט מען זיי אָבער דאָרט ווי עס איז נישטאָ קיין הונדערט פרעצענטיגע השגחה כאַפט מען דאָס נישט ווייל דאמאָלטס האָבן די קצבים (בוטשערס) אַ פרייע האַנט צו טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט און זיי זענען מאכיל נבילות און טריפות רחמנא ליצלן און קיין שום מענטש ווייס נישט דערפון צוליב דעם ווייל א משגיח שטייט נישט דאָרט.

(שו״ת דברי יואל יור״ד ל״ד אות ו׳ בסופו)

## מוסר השכל

1) איר הערט ווערטער? דער רבי שרייט געוואַלד אַז אויב עס איז נישטאָ קיין הונדערט פערצענטיגע השגחה פון אָנהייב ביזן סוף דאַמאָלטס עסט מען נבילות וטריפות רח״ל און איר זיצט זיך אַזוי רוהיג ביי אַ סעודה פון פלייש כאָטש עס איז נישטאָ קיין השגחה פון אָנהייב ביזן סוף, עסט זיך אָן מיט נבילות וטריפות.

2) דער רבי זצוק״ל האָט גאָרנישט קיין מורא אַז מען וועט האָבן טענות היתכן צו זאָגן אויף אַ רבים אַז זיי עסען נבילות וטריפות רח״ל.

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקוצי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש"י משפטים)

3) פאַרגעסט נישט אַז ביז אַ יאָר צוריק האָט נישט עקזיסטירט אַ געשעפט פון פלייש וואָס זאָל האָבן אַ שטענדיגע השגחה.

4) היינט איז אויך נישטאָ אויף קיין שום פלאַץ השגחה מרישא ועד גמירא (זעה פריער) און איר עסט פלייש וואָס האָט דעם סטעמפל פון רבי'ן **נבילה וטריפה** און שרייט נאָך אויף יענעם וואָס עסט נישט אַז ער טוט קעגן רבי'נס רצון.

5) דער רבי שרייט אַז אַפילו אַ בוטשער וואָס פירט זיך קאמפלעט ערליך מיט אַלע ענינים איז נישט פאַרלעסליך אויף פלייש און איז נישט חושש אויף הוצאות לעז ווייל דער אמת מוז געזאגט ווערן און איר פארשטייט בעסער!!!

# הכשרים

## א מדקדק במצות עסט נישט זאכן וואס דארף א הכשר

ט) לויט מיין מיינונג דער וואס איז אמת'דיג מדקדק פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיין שום הכשר ווייל אויסערדעם וואס מערסטע הכשרים זענען אויסגעשטעלט צו גרויסע מכשולות ווייל מען פאַרלאָזט זיך אויף משגיחים וואָס דער בעל הבית פון פאַבריק קען זיי גוט אָפנאַרן די משגיחים זאָלן נישט אָנהייבן פאַרשטיין וואָס זיי טוען און נישט יעדער האָט געגוג שכל צו פאַרשטיין די שווינדלערייען פון די סוחרים און די אַרבעט און סיסטעם פון די מאַשינען.

(שו"ת דברי יואל יור"ד סי' נ"א ד"ה ולדעתי).

### מוסר השכל

1) אַ מדקדק במצות איז נישט דער וואָס איז בלויז אַ מדקדק ביים קויפן אַ טייערן אתרוג מיט אַ שיינעם טלית נאָר גלייכצייטיג

מדקדק אַ גאַנץ יאָר אויסצומיידן הכשרים ווייל רוב הכשרים זענען אויסגעשטעלט צו גרויסע מכשולות.

2) משגיחים קענען ווערן גרינג אָפּגענאַרט דורך די בעלי בתים.

3) אַ משגיח מוז פאַרשטיין דעם גאַנצער סיסטעם פון די מאשינען דורך און דורך.

י) אַפילו דאָרט ווי דער הכשר געבער איז אַ תלמיד חכם, ירא שמים, און טוט אַלעס אויפּן בעסטען שטייגער פונדעסטוועגן קען מען נישט פאַרלאַנגען פון סוחר מער ווי דער עיקר הדין און ווער ווייסט דען נישט אַז מען קען נישט פאַרגלייכן דאָס וואָס מען מאַכט פאַר אַ מדקדק במעשים וואָס גיט זיך אַכטונג מיט חומרות און הידורים צו דעם וואס ווערט געמאַכט פאר סוחרים וואָס ביי זיי איז אַלעס געלט שאָדען (הפס"מ), און דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף הכשרים זיכט נישט מער ווי עס זאָל זיין כשר עפ"י הדין.
(שו"ת דברי יואל יור"ד סי' נא. ד"ה ולדעתי).

יא) דאָס וואָס מען פירט זיך צו שרייבן ביי די הכשרים אַז עס איז כשר למהדרין מן המהדרין דאָס דאַרף נישט געטאָן ווערן ביי קיין שום הכשר, נאָר גענוג צו שרייבן כשר פאַר דעם וואָס פאַרלאָזט זיך אויף עסען וואָס דאַרף אַ הכשר. און טאָמער טרעפט זיך איינער וואָס וויל זיין פון די מהדרין מן המהדרין זאָל ער נישט עסען זאַכן וואָס דאַרפן אַ הכשר.
(שו"ת דברי יואל יור"ד נ"א ד"ה כללו).

## זינט דעם חורבן אוישוויץ האבן די רבנים קיין כח נישט אַלעם פירן אהן די בעלי בתים

יב) פון ווען די מדינות אין איירופע זענען בעוה"ר חרוב געוואָרן. אין די דאָזיגע מדינות ווי אונז זעמער פארטריבן

געווארן האבן די רבנים נישט קיין שום כח און עס זענען פיהל די וועלכע טויגן נישט, אַלעס ווערט געטאָן לויט די מיינונג פון בעלי בתים געוואַלד׳ס מענטשן אָנע שום השגחה.
(שו״ת דברי יואל יור״ד סי׳ ע״ו ד״ה ובמדינתנו)

יג) היינטיגע צייטן איז די חוצפה און פריצות אסאַך מער ווי אין די צייטן פון רמ״א, אדרבה די עזות פנימער פון דוה געוועלטיגן איבער די מקואות און כשרות און צווישן די געציילטע ערליכע אידן טרעפט זיך נישט ווער עס זאל מיט שטייפקייט באַקעמפן דאָס אַלעס פאַרן באשעפער׳ס וועגן, זיי זענען פשוט נישט בכח השי״ת זאל זיך שוין מרחם זיין און איך וויל נישט צופיהל רעדן. (שו״ת דברי יואל שם)

## מוסר השכל

1) די בעלי בתים פירען אָן מיט כשרות און מקואות.

2) די רבנים קענען זיך נישט שלאָגן מיט די בעלי בתים אַפילו ווען עס האַנדעלט זיך אין אַזאַלכע ערנסטע זאַכן ווי כשרות און מקואות.

3) עס געפינט זיך נישט ווער עס זאָל באַקעמפען די שטרויכלונגען נישט ווייל אַלעס איז אין אָרדענונג נאָר מען שפירט זיך נישט בכח.

**4) איר זאָגט שטענדיג פאַרוואָס שוויגן די רבנים? פאַרוואָס רידערן זיי נישט? איז אַ סימן אַז אַלעס איז כשר. און דער רבי זכי״ע מיט זיין לויטערן פאַרשטאַנד און שאַרפזינגען מח שרייט פאַרקערט גאָרנישט טויג נישט און די רבנים שרייען נישט ווייל זיי שפירן זיך מאבטלאז זייטן חורבן אייראפע!!!**

5) די וואָס בעל בתי׳ווען אויף די מקואות און הכשרים זענען נישט סתם בעלי בתים נאָר געוואַלד׳ס מענטשן וואס זייער פחד ליגט אויף יעדן.

# פראגן און ענטפערס

## פארווארט

די ענטפערס ווערן געגעבן לויט ווי דער רביזכי״ע פסק׳ט ווי מיר ברענגען דאס פריער. נעבן יעדן ענטפער שטייט אַ אות וואָס ווייזט ווי מיר רעדן דערפון פריער אין וועלכן אות.

1) פראגע? איז דאָס מעגליך אַז אַ ערליכער איד זאָל מעורר זיין וועגן פלייש און מען זאָל צולאָזן פון הימעל ער זאָל האָבן רדיפות?

ענטפער! אוודאַי אַזוי ברענגט דער רבי ז״ל פון זיין זיידען דעם ייטב לב זכי״ע אַז ער איז שיעור געהאַרגעט געוואָרן צוליב דעם. און אַז ער האָט געהאַט אין שטאָט אַסאַך קעגנערס כאָטש ער איז געוועזן רב אין שטאָט. (אות א׳)

2) פראגע? איז דאָס אויסגעהאַלטן לויט יעדן אַז מען שעכט פאַר כשר׳ס און טריפה׳ס אין זעלבען שלאַכט הויז אַזוי־ווי היינט?

ענטפער! דער רבי זכי״ע ברענגט פון ייטב לב אַז מען דאַרף מאַכן אַ עקסטער שלאַכט הויז פאַר כשר׳ס. (אות ב׳)

3) פראגע? דאַרף זיין אַ משגיח אין שלאַכט הויז וואָס זאָל גאָרנישט טוהן נאָר זיך אומקוקן מיט אָפנע אויגען אויף אלעם? וואָס איז היינט ליידער נישטאָ.

ואנשי קודש תהיון לי. אם אתם פרושים משקולי נבילות וטריפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי (רש״י משפטים) 

ענטפער! אַוודאי מוז זיין און אויך אַ שטענדיגער משגיח אויף ניקור אַזוי ברענגט דער רבי פון ייטב לב זכי״ע. (אות ב׳)

4) פראגע? איז געווג כשר פאַר אונז די הידורים וואָס אונזערע זיידעס האָבן געהאַט ביי פלייש, און צו מעגן מיר מחמיר זיין מער ווי זיי וועגן הוצאת לעז?

ענטפער! נישט נאָר מען מעג נאָר עס איז אַ חיוב גמור מוסיף צו זיין חומרות מיט הידורים און זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס ביי אונזערע זיידעס איז געווען כשר אַזוי שרייבט דער הייליגער ייטב לב זכי״ע. (אות ב׳)

5) פראגע? קען מען אָהן־נעמען אַ מיינונג פון אַ היינטיגען וואָס זאָגט אַז מען טאָר נישט מער מחמיר זיין ווי אינדערהיים זאָגענדיג דאָס וואָס איז געווען כשר פאַר דיין זיידן איז פאַר דיר אויך כשר?

ענטפער! דער רבי זכי״ע ברענגט פון ייטב לב פונקט פאַרקערט אַז עס איז אַ חוב זיך צו דערווייטערן פון די סאָרט וועלכע איז געמאַכט בלויז מיט די הידורים פון די זיידעס. (אות ב׳)

6) פראגע? איז דאָס אמת אַז דער פחד פון די קצבים ליגט אויף די שוחטים מער ווי די פחד פון רב אָדער השי״ת?

ענטפער! אַזוי שרייבט דער רבי זכי״ע. (אות ג׳)

7) פראגע? איז מעגליך אַז אַפילו ביי אונז די שענסטע אידן זאָל מען טרעפן פעלערס אין שחיטה אָדער ביי חֵלֶב?

ענטפער! דער רבי זכי״ע שרייבט אין קורצן: אַז היינטיגע צייט אַפילו ביי די וואָס האָרוועןאין תורה מיט יר״ש ווערט אַ מערהייט געכאַפט מיט קלות און מכשולות. (אות ה׳)

8) **פראגע?** איז מעגליך אַז אויף אַ פלאַץ ווי עס איז דאָ משגיחים פון שחט׳ן ביז פאַרקויפן זאָל דער קצב קענען אַריינשווינדלן טריפה און נבילה פלייש?

**ענטפער!** יאָ! און נישט נאָר ער קען עס האָט שוין סאַך מאָל פאַסירט אַז זיי האָבן דאָס געוואָלט טאָן. (אות ז׳)

9) **פראגע?** אויב איינער איז מעורר אַז דער קצב ריקט אַריין נבילה וטריפה אָן דעם וואָס דער רב המכשיר זאָל וויסן דערפון דאַרף מען חושש זיין אויף זיינע ווערטער, אָדער דאָס קען נישט זיין?

**ענטפער!** אויב עס איז נישטאָ קיין הונדערט פערצענטיגע השגחה פון די שחיטה ביזן פאַרקויפן קען דאָס רוהיג פאַסירן, און אַפילו ביי הימישע קצבים, נאָר אַפילו ווי עס איז דאָ אַ געהעריגע השגחה קען עס אויך פאַסירן. (אות ז׳)

יעצט טראַכט אַריין היינטיגע צייטען ווי עס איז אינגאַנצן נישטאָ אַ באשטימטע משגיח וואָס זאָל גאָר נישט טאָן נאָר זיך אומקוקן אויף די אַרבעטער, ווי גרינג מען קען געשטרויכלעט ווערן. (אות ז׳)

10) **פראגע?** איז דאָס אַן אָפטע זאַך דער קצב זאָל וועלן אַריינריקן נבילה וטריפה אָדער זעלטען?

**ענטפער!** עס איז אַ אָפטע זאַך. (אות ז׳)

11) **פראגע?** קען דאָס זיין אַ רב זאָל זיין פאַרלעסליך אויף פסק׳נען שאלות פון חייבי כריתות אין די צייט וואָס דאָס פלייש פון זיין הכשר טויג נישט?

**ענטפער!** בעוה״ר דער רבי זכי״ע האָט אונז נישט געלערנט

די הלכה אין אַזאַ פאַל אָבער אין זיינע ווערטער זעהן מיר קלאָר אַז עס קען זיין אַ גרויסער רב מיט אַ בוטשער אונטער זיין הכשר און אויב די השגחה איז נישט געהעריג (עס שטייט נישט אינעווייניג אַ משגיח ירא שמים די גאַנצע צייט פון שחיטה ביז פאַרקויף) עסט מען נבילות וטריפות רח״ל. (אות ז׳ ח׳)

היינט בעווה״ר איז נישטאָ אַזאַ השגחה ביי בהמה פלייש.

12) פראגע? איז מעגליך אַז ערליכער איד אָנגעזאפט מיט תורה און יראת שמים זאָל מכשיל זיין מיט נבילות וטריפות?

ענטפער! יאָ! אויב עס איז זיין פרנסה. (אות ז׳ ח׳)

13) פראגע? וואָס האַלט דער רבי זכי״ע ביי אַ בוטשער אַ ערליכער איד וואָס האָט נישט קיין קביעות׳דיגע משגיחים אופן פלאַץ?

ענטפער! ער איז נחשד צו געבן עסען נבילות וטריפות מיט חֵלב. (אות ח׳)

14) פראגע? איז דאָ היינט אַ געשעפט ווי מען קען באַקומען בהמה פלייש מיט געהעריגע השגחה לויט׳ן רבי׳ס שיטה?

ענטפער! ניין! ניין! עס מוז זיין השגחה פון שחט׳ן ביזן נאָכ׳ן פאַרקויף און עס איז נישטא.

(אות ז׳ זעה מוסר השכל פון אות ז׳)

15) פראגע? מעג מען זאָגן אויף אַ רבים אַז זיי עסען נבילות וטריפות?

ענטפער! אַזוי זאָגט דער רבי אַליינס עטליכע מאָל.
(אות ז׳ ח׳)

16) **פראגע?** אויב עס איז דאָ השגחה אָבער ער באַקומט געהאַלט (*Wages*) פון בוטשער (קצב) וואָס איז די הלכה?

**ענטפער!** עס איז גאָרנישט ווערד זיין השגחה.

(מוסר השכל אות ז, 5)

17) **פראגע?** איז מעגליך אַז צוליב אַפּאָר דאָלער זאָל דער בוטשער מכשיל זיין אידן מיט נבילות וטריפות?

**ענטפער!** יאָ!!! (אות ז׳)

18) **פראגע?** איז דאָס אמת אַז ווער עס פאַרדינט געלט איז נישט באַגלייבט?

**ענטפער!** אמת הדבר. (אות ו׳ ז׳)

19) **פראגע?** אַ יונגערמאַן וואָס רופט זיך מדקדק במצות (ער לויפט נאָך אַ שיינעם אתרוג א.ד.ג.) מעג ער רוהיג זיך באַנוצן מיט פראָדוקטען וועלכע דאַרפן און האָבן אַ הכשר?

**ענטפער!** ניין און נאָכאַמאָל ניין. (אות ט׳)

20) **פראגע?** אין אַ פאַבריק ווי עס איז דאָ אַ שטענדיגע משגיח (וואָס איז אַ זעלטענהייט) מעג מען שוין רוהיג עסען?

**ענטפער!** ניין. (אות ט׳)

21) **פראגע?** קען מען שטעלען אַ משגיח כאָטש וועלכן יונגערמאַן אַ ירא״ש און תלמיד חכם?

ענטפער! ניין ער מוז זיין טיכטיג און קלוג און פאַרשטיין אַלע מאַשינעריי דורך און דורך מען זאָל אים נישט קענען אָפנאַרן. (אות ט׳)

22) פראגע? אַ פראָדוקט וואָס די הכשר און השגחה איז דאָס בעסטע וואָס קען זיין איז דאָס טאַקע כשר לויטן חשק פון אַ מדקדק אָדער נישט?

ענטפער! ניין, עס איז כשר בדוחק ובצמצום. (אות י׳ י״א)

23) פראגע? דער וואָס איז אַ מדקדק מעג עסען אַ מאַכל וואָס שטייט דערויף ״כשר למהדרין מן המהדרין״ אָדער נישט?

ענטפער! ניין. (אות י״א)

24) פראגע? זענען די רבנים מכשירים בכח דורכצופירן ביי כשרות אַלעס וואָס זיי ווילען?

ענטפער! זינט חורבן אייראָפּע האָבן די רבנים פאַרלאָרן דעם כח. (אות י״ב)

25) פראגע? האָבן די רבנים אַ כח איבער די בעלי בתים היינטיגע צייט?

ענטפער! ניין! די בעלי בתים זענען געוואַלד׳ס מענטשן און זיי האָבן די דיעה איבער אַלעס. (אות י״ב)

26) פראגע? בדרך כלל אין וואָס פאַראַ הענט שטייט איין דאָס כשרות און מקואות היינטיגע צייט?

ענטפער! אין די הענט פון די עזות פנימ׳ער פון דור. (אות י״ג)

27) פראגע? אויב עס איז דאָ פראָבלעמען ביי כשרות און די בעלי בתים פאָלגן נישט די רבנים פאַרוואָס שווייגן די רבנים?

ענטפער! די רבנים זענען פשוט נישט בכח צו באַקעמפען.
(אות י״ג)

הערה: אויב איר ווילט זיך איבערצייגן אין די ווירקליכקייט פון די ווייט־זעהן׳דיגע ליכטיגע אויגן פון כ״ק רבינו זכי״ע טוט אַ קוק וואָס צרות ווערט אויסגעטיילט פאַר דעם איין אין איינציגן רב וואָס האָט זיך יאָ אָנגערופן וועגן כשרות פון בהמה פלייש און אַנטדעקט דעם אמת וועגן חֵלֶב דורכדעם קענט איר פאַרשטיין וואס דער רבי האָט געמיינט אַז די רבנים זענען נישט בכח.


רשימת ספרים חדשים ונכבדים
נחוצים לכל בית ישראל לימי הפסח

דער ספר
## אפיית המצות השלם
וואָס אַנטהאַלט דריי חלקים.
אַלע דינים פון שניידען די ווייץ ביז נאָכען באַקען און חלה נעמען, און אויך מנהגים פון די צדיקים ביים באַקן מצות. מיט צענדליגע וויכטיגע ענינים וואָס זענען נוגע צו מצות פסח און אַנדערע ענינים.

און אויך דער ספר
## אכילת מצות בישראל
וואָס אַנטהאַלט זיבען חלקים.
אַ רייכער אוצר פון אַלע דינים וואָס געהערן צום עסן מצות פונעם סדר פסח ביינאַכט ביז סוף יו״ט. און אויך אַלע דינים פון געבראָקטע מצה מיט צענדליגע וואונ־דערליכע מעשיות פון צדיקים וועגן פסח מיט אַ קלאָרן באַריכט וועגן כשרות פון מעדיצינען פון פסח און אַ גאַנץ יאָר. ווי אויך אַ פולער קונטרס. אַ קיצור פון אַלע אַקטועלע הלכות פון פסח לויט דעם פסק דין פון הגה״צ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין איז שוין דאָ צו באַקומען ביי מוכרי ספרים און אויך ביים מחבר.

דער פרייז פון פסחדיגן סעט $9.50, דמי משלוח $1.50
RABBI S. J. GROSS
4711 - 12th Ave., Brooklyn, N.Y. 11219

בס״ד

# אזהרה חמורה ונוראה

היות ווי אלע חרדישע היימישע בוטשער׳ס פארקויפען פלייש פון ווייסע קעלבער (בלעק ען ווייט black and white) ווילען מיר מעורר זיין אז הגאון הגדול ר׳ משה פיינשטיין שליט״א האט שוין פון לאנג גע׳אסר׳ט די קעלבער צוליב גאר ערענסטע פראבלעמען וואס איז דא ביי דעם:

1. זיי ווערען געפיטערט מיט מאכלות אסורות.
2. די לינגען האבען ערענסטע שאלות.
3. די בני מעיים האבען ערנסטע חששות.
4. אינגאנצען 10% ביז 15% פראצענט קומען ארויס כשר.

עס איז א וואונדער אז די אלע ארגאניזאציעס וואס גיבען זיך אפ מיט כשרות, אפילו די שענסטע, האבען נאך נישט געפונען פאר וויכטיג מעורר צו זיין דעם רעת הקהל פאר דעם שרעקליכען מכשול מיט וואס ערליכע היימישע שטיבער ווערן טעגליך געשטרויכלט???

נ.ב. מיר ווילען מעורר זיין ראס הרב הגאון מוהר״ר אברהם קליינמאן אבדק״ק מארגערעטען שליט״א לאזט נישט נוצען ביי זיין שחיטה (מארגערעטענער שחיטה) די קעלבער שוין 10 יאר פון ווען ער איז געוואר געווארען פון רעם מכשול.

---

## הבשר של ״העגלים לבנים״ (ווייסע קעלבלעך), יש בו חששות רבות על אופן פיטומה וגידולה, וחששות רבות של טריפות הריאה, וטריפות שאר אברים הפנימיים.

לשום לב!

העגלים הללו נמכרין בכל הבוטשער׳ס בארא פארק וויליאמסבורג ומאנסי ונאכלין ע״י כל.

# תשובה להלכה

## בענין ״עגלים לבנים״ (ווייסע קעלבלעך)

## מהגאון הגדול רבי משה פיינשטיין שליט״א

... ובדבר העגלים שנתחדש זה לא כבר... מפטמים אותן משקין שמנים מאוד שאין הבהמות נהנין מזה, ולהיפוך הגמרא בכורות דף ל״ט, וגם נעשים חולים מזה וצריכים למיני רפואות, וכפי שאומרים שוחטים מובהקים לא נכשרו מהם אלא ט״ו עגלים ממאה, והכלל שרובן טריפות היפוך מחזקת כשרות ומשמע שהוא רק מטריפות הריאה שרואין זה השוחטים מדין בדיקת הריאה אבל אפשר דאיכא טריפות בבני מעים שפשוט שצריך נמי לבדקן שמסתבר שיש לחוש לזה מאוד, שלכן מהראוי היה לאסור מלעשות זה ובעלי נפש אין להן לאכול כלל מעגלים כאלו אף אם יבדקו גם הבני מעיים, ובלא בדיקות הבני מעיים אין להכשיר, והבדיקה בבני מעים אינו מנקבים ובועות שנעשים מנקבים אלא משום מראה דהבני מעיים ומבועות שנעשים ע״י חלישותן ובלי בדיקת הבני מעיים אין להכשירן, עכ״ל.

בבקשה מכם להדביק זאת בבתי כנסיות ובבתי מדרשות

# מכון להוצאת
# ספרי יהודה וישראל



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי׳
,,מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
בנשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס** שליט״א
אבדק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונכבדים.

## אן אוצר אין א אידישער שטיב
### אני מבקש שתשלחו לי הספרים הנרשמים:

✡ ✡ ✡

**סך הכל**

☐ **נפש ישעי׳**
על מאכלות אסורות, **בלה״ק ואנגלית,**
525 ע׳ ........ **$12** ______

☐ **שו״ת זבחו זבחי צדק**
על הל׳ שחיטה ובדיקה, **בלה״ק,** עם קו׳ **שמחת שלום** על הל׳ חופה וחתונה, **באידיש,**
96 ע׳ ........ **$4.50** ______

☐ **מנחת יהודה**
על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו״ם, עם קו׳ **מדריך לצניעות, באידיש,**
128 ע׳ ........ **$5.00** ______

☐ **אהלי ישראל**
הדרכות ליושבי באנגלאס, עם קו׳ **דבר משה** על הרבה מנהגי ישראל, **באידיש,**
128 ע׳ ........ **$4.75** ______

☐ **מנוחת שלום**
הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות, **באידיש,**
128 ע׳ ........ **$4.75** ______

☐ **אפיית המצות השלם**

כרך א׳ (ג׳ חלקים), **בלה״ק,**
520 ע׳ ........................................ $6.00 ________

☐ **אכילת מצות בישראל**

כרך א׳ (ז׳ חלקים), כולל כל דיני ומנהגי לילי הסדר ונלוה לו כל ה׳ פסח בלשון צח וקצר, **בלה״ק**
192 ע׳ ........................................ $6.00 ________

☐ **קדושת ישראל השלם**

הלי יחוד, עם קונ׳ **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות, מלוקט משו״ע עד אחרון שבאחרונים, **באידיש,**
192 ע׳ ........................................ $4.95 ________

☐ **אכילת התרנגולים כהלכתה**

ד׳ חלקים, בענין זריקת התרנגולים, מגלה סודות עמוקים של חששות רציניים מאיסור נבילה וטריפה החמורה מאוד שבשבילה עלולים רבבות נפשות הטהורות מישראל להתפטם במאכלות אסורות, עם קו׳ **אור הצניעות בישראל,** וקו׳ **צניעות ישראל כהלכתה, בלה״ק, אידיש ואנגלית,**
160 ע׳ ........................................ $6.85 ________

☐ **המשפט בישראל כהלכתה**

ביאור מקיף בענין ״דין תורה״ בישראל, עובדות מחרידות, זעקת שוד ושבר מדמעת העשוקים הנעשקים ע״י הבוררים הידועים לשמצה, לגלות פניהם של הצבועים ולפרסם החנפים, וליתן סוף למעשיהם הרעים.

עם קו׳ **ממון ישראל כהלכתה** בענין חומר האיסור והעונש של לקיחת ממון שלא ביושר, ועוד, **בלה״ק,**
64 ע׳ ........................................ $3.00 ________

☐ **זקן ישראל כהלכתה**

בענין גילוח וגידול הזקן,**באידיש,**
16 ע׳ ........................................ $1.00 ________

☐ **עניית אמן כהלכתה**

בענין אמירת אמן ויהש״ר, **בלה״ק,**
32 ע׳ ........................................ $1.00 ________

☐ **מדריך לעניית אמן**

בענין הנ״ל, **באידיש ולה״ק,**
32 ע׳ ........................................ $1.00 ________

☐ **קול יעקב**

קריאות שונות שנכרזו בעניני פרצות שונות, מיסודי הדת בימינו אלה, בענינים המתרחשים יום יומית, **באידיש ולה״ק,**
32 ........................................ $1.00 ________

☐ **מצות סת״ם השלם — דיניו ומנהגיו,**

ה׳ חלקים, והוא **מדריך** לכתיבת וקניית ס״ת תפילין ומזוזות, ועוד, **באידיש,**
170 ע׳ ........................................ $4.75 ________

☐ **השבת בישראל כהלכתה**

מבאר כי שמירת השבת הוא יסוד קדושת ישראל, וגודל הפגם והנזק המגיע לנפש וגוף האדם המחלל קדושת השבת ח״ו, ושכר הגדול בזה ובבא המעותד לשומרי שבת, עם קו׳ **שמירת שבת כדת** לקוטי דינים השכיחים להלכה ולמעשה, **בלה״ק,**

112 ע׳ ........................................ $3.75 ______

☐ **מזוזת ישראל כהלכתה**

גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארה״ב, **באידיש ואנגלית,**

48 ע׳ ........................................ $1.50 ______

☐ **ונאמר אמן — יצחק לשוח**

על קדושת בית המדרש, דינים נחוצים בענין עניית אמן ויהש״ר ועוד, **באידיש,**

224 ע׳ ........................................ $5.95 ______

☐ **ונאמר אמן — עניית אמן כהלכתה**

עם קו׳ **מזוזת ישראל כהלכתה, באידיש, לשה״ק ואנגלית,**

128 ע׳ ........................................ $4.95 ______

☐ **גדולי יצחק מצות ציצית — דיניו ומנהגיו, באידיש,**

64 ע׳ ........................................ $1.75 ______

☐ **חלב ישראל כהלכתה**

ח״ג מספר נפש ישעי׳ על מאכלות אסורות, מבוססת להאיר עיני בני ישראל מציאות המצב בנושא חלב שחלבו עכו״ם ואין ישראל רואהו, במקומות שיש חוק הממשלה לאסור באיסור חמור לבלי לערב משהו מחלב טמא לתוך חלב טהור. בירור המציאות שמערבין חלב טמא בכל מקום. חיבור הנוכחי נחוץ מאוד לכל בר ישראל בכלל לרבנים מנהלים ומשגיחים בפרט. בלה״ק,

128 ע׳ ........................................ $4.75 ______

☐ **שולחן ישראל כהלכתה**

כל דיני הכנסת אורחים, **באידיש,**

64 ע׳ ........................................ $1.75 ______

**דמי משלוח 7%** מהזמנה ........................................ $. ______

סך הכל ______

**הערת המערכת.** הספרים לא ישלחו בחוצות רק אחרי קבלות המעות בדמי קדימה ולא בהקפה כלל.

השם ______ הכתובת ______

העיר ______ המדינה ______


**MOSAD BRUCHA TOVA**
**P.O.B. 331**
**Brooklyn, N.Y. 11219**

RABBI S.Y. GROSS
4711-12th Ave.
Brooklyn, N.Y. 11219

**בי"ד המיוחד לעניני כשרות**

**שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא**

**RABBINICAL BOARD FOR KASHRUTH**

*CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. & CANADA*

85 DIVISION AVE. • BROOKLYN N.Y. 11211 • (212) 384-6765-6


בס"ד


חברי הבי"ד: — הרבנים הגאונים

מוה"ר ישכר בער הלוי ראטנבערג שליט"א
אבדק"ק האדיסלב יצ"ו

מוה"ר אלכסנדר אשר באב"ד שליט"א
אבדק"ק טארטיקוב יצ"ו

מוה"ר יחזקאל ראטה שליט"א
ראב"ד דקהל יטב לב, בארא פארק


מ ו ד ע ה :

כאשר נתעוררה איזה שאלה אודות שמן של "פאלם הערנעל" ושל "קאקונאט" שמערבים בשומן צמחים (שארטעניגג).

הריני להודיע בזה שהרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי בי"ד המיוחד לעניני כשרות, עומדים על המשמר ועוסקים בחקירות ודרישות לברר מציאות ומצב הדברים על בורים.

בגמר הבירורים יחליטו הבי"ד את רבר ה' זו הלכה.

הכו"ח בפקודת הבי"ד, יום ה' לסדר תרומה, עש"ח אדר א' שנת תדש"ם לפ"ק.

יחיאל יצחק סג"ל גליק
מזכיר

בס"ד

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

RABBINICAL BOARD FOR KASHRUTH

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. & CANADA

85 DIVISION AVE. • BROOKLYN N.Y. 11211 • (212) 384-6765-6



חברי הבי"ד: — הרבנים הגאונים

מוה"ר ישכר בער הלוי ראזענבערג שליט"א
אבדק"ק וואדיסלב יצ"ו

מוה"ר אלכסנדר אשר באב"ד שליט"א
אבדק"ק טארטיקוב יצ"ו

מוה"ר יחזקאל ראטה שליט"א
דומ"ץ קהל יטב לב, בארא פארק


מ ו ד ע ה :

כאשר נתעוררה איזה שאלה אודות שמן של "פאלם הערנעל" ושל "קאקונאט" שמערבים בשומן צמחים (שארטענינג).

הריני להודיע בזה שהרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי בי"ד המיוחד לעניני כשרות, עומדים על המשמר ועוסקים בחקירות ודרישות לברר מציאות ומצב הדברים על בורים.

בגמר הבירורים יחליטו הבי"ד את דבר ה' זו הלכה.

הכו"ח בפקודת הבי"ד, יום ה' לסדר תרומה, ער"ח אדר א' שנת תדש"ם לפ"ק.

יחיאל יצחק סג"ל גליק

מזכיר